יעקב גלאַטשטיין

# צו דער יאָרצײַט פֿון אונזער אַסקאַר ווײַלד (משה נאדיר)

אין דעם שרייאיקן באָרדעל־אַרטיקן בוך, וואָס נח דער פּלייסיקער פּאָוש האָט צוזאַמענגע־שטעלט מיט זיינע לעצטע יעוונוכישע כחות, צווישן די זאַגעכצער און כאַכמעוואַניעס און קלוגשאַפּטן אין לישער, געפינען זיך צענדליקער בילדער פֿון דעם אויבער־חכם אַליין, וואָס האָט אין פֿאַרלויף פֿון איבער צוואַנציק יאָר געלאָזט טריפֿן אויף אונז זיינע פֿאַרוונדלטע ווייזהייטן וועגן וועלט — מענטש — גאָט — זעל — פֿרוי — זאַקנבענדלאַך און גומענע קראַגנס.

אין בילד אָבער מער פֿון אַלע פֿאַרדינט אויפֿמערקזאַמקייט. יצחק רייז — מיט אַ יאָר 18 צוריק. דער מענטש וואָס האָט געשריבן פֿאַר־ליסים און זיך געלאָזט אַנאָנסירן: „יצחק רייז וויל אייער לעבן —

פֿאַרזיכערן.

די ערשטע טריט פֿון דעם חכם, וואָס האָט געכאַפּט אַ ווין. אין אומשולדיקע שורה וועדט צובראָכן אויף צוויי טיילן. איין טייל, די גרע־סערע, פֿאַרבלייבט מיט אַן אויסגעשריי — יצחק רייז וויל אייער לעבן. איבערראַשונג! שרעק! אויסרוף־צייכנס מצד די אומשולדיקע צוגאַנגען לעזער.

קומט די אָפּגעבראָכענע טייל פֿון דער שורה אויף דער צווייטער זייט און גיט דערר־לייכטערונג, נחת, טרייסט. אייער לעבן פֿאַרזי־כערן — דאָס'ם אַל! כאַ! כאַ! כאַ! אַ מור האָבן געמיינט ער וויל אונזער לעבן! ער וויל, הייסט עס, אונזער לעבן פֿאַרזיכערן, האָט ער, הייסט עס, דער ממזר בלויז געוואָלט אַ ביסל אָנשרעקן מיט אַ צובראָכענער שורה? סלון! גע־שייט! כיטרע! געממזר'ט! בראַוויסימאָ!

דאָס עלבע בילד. ס'פּנים אַ פּלאַטשיקס, אַ פּלישיקס, אַ געוויינלאַכס. אַ פּנים וואָס קאָן אוועקלאָזן אַ בליק חכמהלע אויף שמאַלצן צווישן הייטישע אינשורענס־אַגענטן.

קוקן מיר זיך צו גוט צום בילד און מיר זאָגן, אז אַ מענטש מיט אַזאַ פּנים איז זיכער נידעריקער פֿון מיטלוואוקס, אַ מענטש וואָס טאָמער פֿאַלט ער אַריין צווישן אַ מענגע, קענען אים אַפֿילו קיין צען חכמים ניט אַרויסציען. אַ קאָפּ מיט האָר, וואָס דאַרף היינט־מאָרגן אויס־קריכן כדי לייכטער צו מאַכן דעם שווערן יאָך פֿון אַ שטרויהוט.

אַזוי איז ער געווען, יצחק רייז מיט אַ יאָר 18 צוריק, ווען ער האָט ענטדעקט די ערשטע חכמה.

צווישן די פֿינגער האָט ער געהאַלטן אַ שטיקל ברויט און די גאַנצע צייט עס געקנאָטן אין אַ קליין ברודיק טייגל. אויסגעלענגערט, געמאַכט עס קורצער, דיק און קיילכדיק, לאַנג, אַטראַט צום איבערדרייסן, ווייך און האַרט.

אַ קרישקע ברויט — אַ סימבאָל. דאָס לעבן, משטיינס געזאָגט, וואָס מען קאָן דערפֿון מאַכן וואָס מען וויל נאָר אַליין, אויב מען וויל נאָר. „ווילנאַר" וועסטו ווערן דער ווילנער גאון! וויל־נאַר! ווילנאַר! ווילנאַר!

ער האָט געוואָלט און זיך אוועקגעזעצט מאַ־סאַזשיר, קודם כל דעם קאָפּ האָר כדי זיי זאָלן ניט אַרויספּאַלן. האָר זענען זייער וויכטיק באַר ערפֿאָלג. בלויז שעקספּיר האָט געקאָנט מאַכן ער־פֿאָלג מיט אַ פּליך. עפּעס קלענערע פֿון שעקס־פּיר מוזן אָפּהיטן זייערע האָר.

און ער האָט זיך גענומען אויסציען אין דער הויך, וואַקסן פּשוט זיך אויף הייזון (וויל־נאַר! ווילנאַר!) מען קאָן ווערן העכער, הע־כער, נאָך העכער! ער איז שוין הויך.

פֿאַר די האָר האָט ער באַשטעלט אַ פּרעסטל אַזעלכעס, וואָס זאָל איבערציען די יוגנטלאַכ־קייט ... אַ ביסל גראָ. די פּלייצעס האָט ער געמאַכט ברייטער, נאָך ברייטער כדי צו קאָנען טראָגן אַ פּעלערינע און די נאָז לענגער פֿאַר פּענסנע מיט אַ לאַנג שוואַרץ בענדל.

עס איז געווען אַ געניאַלער מאַסקאַראַד. גע־נומען פּשוט גאָטס אַ געוויינלאַכע אַלטעגלאַכע צורה און גאָטס אַ גופֿל און עס איבערגעקנאָטן

ע״י אַ טייל מיט גאר כוח פֿון „ווילנער"

אבטצן

1

פאַרשטייט זיך, גענומען יאָרן פון שווערער אַרבעט, אָבער גאַנץ צורה איז גרימירט. אַ מעטער־שטיק פון אייגענעם לעבן, וואָס האָט זיך געצויגן אומענדלאַך, טעג און נעכט, וואָכן און יאָרן.

און אַז ער האָט אַ קוק געגעבן אין שפּיגל און געזען אַז עס איז גוט, האָט ער אַ געשריי געטאָן — זאָל זיין...

וואָס זאָל זיין?? זאָל זיין אוים יצחק רייז. פּאַשאָל וואָן! גערעדיהיר! מען דאַרף דיך איצט אויף אַ כּפּרה. איצט מוז מען ווערן עפּעס אַנדערש. אָבער וואָס ווערן, איז געקומען אַ ביסל שפּעטער.

דאָס זעלבע סימבאָלישע שטיקל ברויטטייגל אַ פאַרברודיקטס ליגט נאָך אַלץ צווישן די פינגער, ער באַטראַכט עס און באַטאַפּט עס פון אַלע זייטן.

דאָס לעבן! אונזערע יאָרן פליען, לויפן, ציען זיך, און ער האָט זיך דערמאָנט: יצחק רייז וויל אייער לעבן —

פאַרזיכערן.

און עס איז אים פּלוצים קלאָר געוואָרן. אַ וואָרט איז געגליכן צו אַ טייגל. מען קאָן עס נעמען צווישן די פינגער, עס אויסציען, מאַכן לעכערלאַך, צוריקציען, איינשרומפּן, מאַכן פעט. און אַ זאַץ אַ גאַנצער קאָן אויך ווערן געקנאָטן און געקנייטשט ווי מען וויל און אַ געדאַנק קאָן דען ניט ווערן צעשטויסן אין אַ מערזשער, די ברעקלאַך אויפגעקליבן, אויפגעזאַמלט אָן אַ פריער אָדער שפּעטער כּדי צו איבערראַשן אָדער אַ קיצל צו טאָן אונטער דער פּאַכווע?

ער האָט אויסגעלייזערעליעט אַ „פּעטען" און פלייסיק שטודירט. טייגל — וואָרט — זאַץ — געדאַנק, צעפּלעטשן, צעשטויסן, אונטערשטרייכן, אויסציען, איינשרומפּן, קיצלען אונטער דער פּאַכווע.

און אַז ער האָט דאָס אויסשטודירט האָט ער ערשט דערזען, אַז די גוים ימח שמם האָבן שוין לאַנג אַזעלכע לצים, אָבער ער האָט געמאַכט אַ שוויג און ווי אַן אַלכעמיקער איז ער אַלץ געזעסן בא זיך אין דער לאַבאָראַטאָריע און גע־ארבעט, (ציל[illegible]! [illegible])

אויפֿקום, סעפּט 1926

דורך דער צייט האָבן זיך בא אים אויפ'ן טיש אָנגעקליבן אַ סך ביכער. ניט געליינט זיי, נאָר באַלעקט, ניט געלערנט, נאָר אַ זוים געטאָן פון דאָ און דאָרט און אין אַ גרויסן כּשוף־טאָפּ אַלץ געלאָזט אויפקאָכן מיט די אייגענע קרייטעכצער פון וואָרט־זאַץ־געדאַנק־קאָזשעלקעס.

אַפּגעשלאָסן פון דער וועלט, קיינער טאָר ניט וויסן, מען מוז דאָס אַלץ אויפקאָכן, עס וועט אַמאָל צוניץ קומען. און אויפ'ן טיש טאַנצן עטלאַכע אומשולדיקע ווערטער, זאַפּטיקע אידישע ווערטער פון אַ שיינער יונגער שפּראַך, פאַרשעמטע מיידלשע ווערטער, וואָס בעטן זיך אַז מען זאָל זיי נאָך לאָזן וואַקסן. בוגרות'לאַך, וואָס רויטלען זיך: טשעפּעט ניט, ווייל מיר צופלאַקערן זיך. און טאָמער רירט איר זיך ניט איידל צו צו אונז וועלן מיר אפשר אינגאַנצן אונטערגיין, פאַרגרעבט ווערן און ווערן אומווירדיק.

נעמט ער אַזוי פונדעסטוועגן און גיט אַ שנעל אַ וואָרט איבער דער נאָז, נעמט דאָס וואָרט און פאַלט אום און קאָרטשעט זיך אין דרייען. פאַרצייכנט ער קאַלטבלוטיק:

אַז מען גיט אַ שנעל אַ וואָרט איבער דער נאָז פאַלט עס אום און קאָרטשעט זיך אין דרייען.

און מיט דעם גראָבן פינגער גיט ער אַזוי אַ טאַפּ אָן אַ שעמעודיג וואָרט וואו מען באַדאַרף ניט, ווערט דאָס וואָרט גראָב און אויפגעבלאָזן, וואולגאַר און שרייעריש און פאַרלירט די גאַנצע ציכטיקייט.

פאַרשרייבט ער מיט מערדערישער גלייכגילט:

— אַז מען גיט אַ טאַפּ אַ וואָרט און אַז. וו. עס וועט צוניץ קומען!

און דורך דער גאַנצער צייט וואַקסט אַרום אים אַ שפּינוועבס פון לאַנגווייל.

אומעטיק און לאַנגווייליק. די גאַנצע אַרבעט פאַרשווענדעט אויף איבערצומאַכן זיך פון דרויסן און פון אינווייניק איז דערווייל אויסגערונען דאָס ביסל וואָס מען האָט פאַרמאָגט. זאָל מען הייסט עס, פון דעם זעלבן אומעט און לאַנגווייל שפּינען פילאָזאָפיען. אומעטיק און לאַנגווייליס, לאַנגווייליק און אומעטיק.

לאַנג-ווײַליק! או-מע-טיק!

נויגען

יא, מען וועט דאָס אזוי איבערגעגעבן אין פאַרמאַרקן, פאַרקויפן פאַר גערדאַנקעלאַך, אונטערשטעלן אַ וואָרט אַ פּיסל, אַ שנעל טאָן אין נאָז און זיך אזוי מעשה דענקער אַ זאָג טאָן: לאַנגווייליק! אָדער: אומעטיק! אָדער פאַרקערט, כדי צו בייטן די דעקאָראַציעס.

און אין פינצטערן חדר זענען אַלע גלויבנס פאַרפרוירן געוואָרן, אָפּגעשטאָרבן. אין וועמען גלויבן? אין מענטשן? כאַ! כאַ! מענטשן זענען... (אַ וואַרף אַ וואָרט אין דער לופטן, אַז עס דערלעבט נעבאַך ניט אַרונטערצוקומען) אין גאָט? גאָט איז... (אַ קלאַפּ אַ וואָרט אין קאָפּ אַריין און אַליין זיך פאַרנייגט מיט דעם אָנשטעל פון אַ גרויסן בויך־רעדנער). אין פרויען אפשר גלויבן? ווער ווייסט עס ניט? כי כי! — פרויען זענען... (אַ קיצל וואָרט אין באַהאַלטענע ערטער און דאָס וואָרט רעוועט: פרויען, וויסן זי... און אַ וואונק אַרונטער).

אַז ער איז אַרויס פון טונקעלן חדר האָט ער שוין געהאַט אָנגעקליבן אַ מאַסע ווייזהייטן און ער האָט אַ קוק געטאָן פון אַקסל און העכער אויף דעם פאָלק, וואָס פּויזעט אַרום אים און אַז זיין אַריסטאָקראַטיש האַרץ האָט דערפילט די גרויסע נויט פון דעם פאָלק נאָך אַ קלוג וואָרט, האָט ער אויף אַ „ראַפינירטער“ טעאַטער־שפּראַך אַ טראַכט געטאָן וועגן בידנעם גולם משה'ן און ס'האַרץ איז באַ אים ווייך געוואָרן ווי פּוטער. און אַז ס'האַרץ איז באַ אים ווייך געוואָרן האָט ער אַ וואַרף געטאָן זיין גאַנצן באַגאַזש אין פאָלק אַריין און אַ געשריי געטאָן:

משה, נאַריר!

און אַן עסטעטישער פעדער־נאָמען איז אויפ'ן אָרט גלייך געשאַפן געוואָרן פון גרויס ליבע צום האָרעפּאַשנעם פאָלק.

און דאָ איז געוואָרן אַ כאַפּעניש, אַ רייסעניש און אַ שנאָרעניש אויף בייז־וואונדער. די כאַפּער, די רייסער און די שנאָרער האָבן זיך באַקראַנצט מיט די ווערטער פון ווילדן ווערטער־וואַלד און האָבן זיך באַלעקט און פּאַסמאַקעוועט מיט די פּאַטראַוועס, וואָס זענען אויסגעקאָכט געוואָרן אין די פינצטערסטע פינצטערנישן פון אומעט און לאַנגווייל, לאַנגווייל

און אומעט אין פון „[illegible]“ טעאַטער,

צוואַנציק

[illegible]

אויף די הינטערשטע לאַפּקעס, ווען מען גיט אַ געשריי: דינען!

די חברה וואָס האָבן אויף דער גאַס צעטרענצלט זיין עשירות און געכאַפּט שריים האָבן זיך גלייך געקרוינט אַלס משה נאַדיריאַנער און אויסגעטאָן האָבן זיי זיך ביז די אונטערוועש און געטאַנצט אַ נאַדיר־טשאַרלסטאָן, וואָס איז אַ מין קאַדריל אַרום דער אייגענער פּרעכטיקייט, אַ שוויסיק ריקודל פון עקזיביציע — הענגענדיקע גלידער פאַר דער גאָרער וועלט. דער רבי אלימלך האָט געהייסן משה־נאַדיריש זיין און די טרייעסטע אונטערטאַנען, די חסידים, האָבן געפאָלגט. דער זעלבסטנאַר האָט אים גענומען אונטערזאָגן, אַז דער דור, וואָס ער האָט אַליין אָנגעפלאָדיעט האָט אים אַרויסגעגעבן. איירא־פּע האָט אַרויסגעגעבן שלום עליכמ'ן און אַמעריקע נאַדירן. דער תמ'עוואַטער טאַטע האָט זיך גענומען איינרעדן, אַז זיינע אייגענע ממזרימלאַך זענען זיינע עלטערן און אורעלטערן, דער דור וואָס איז ערשט אַקאָרשט אַרויס פון זיין אייגענער נאָרל, זאָל אים האָבן געבוירן.

משה־יצחק האָט זיך טשאַפּליניש פאַרנייגט צו זיין דור און גענומען שטעלן טריט. ער איז אוועק אין די ביבליאָטעקן בלעטערן פאַרטרעטן פון וועלט־שרייבער נאָך וועמען זיך צו מוסטערן. געקוקט און געבלעטערט און זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם חכמה־זאָגער אָסקאַר ווילד. אַ דראַמעלע, אַ פּאַראַדאָקסעלע, אַ וויצעלע, אַ לידעלע. מיין ברודער אין גייסט ווי צוויי טראָפּן וואַסער, אזוי איז ער געשטאַנען אין דעם „דע־פּראָפונדיס“ און זיך באַגריסט מיט דעם פאַרפרענקטערטן ווילדן. ווילד דער שפּיצלער האָט אים אָבער אָפּגעטאָן אַ חוזק־אַרבעט און אים דערלאַנגט זיין צעריסענע פּעלערינע. טו עס אָן, אידישער ברודער מיינער, און זאָלן דיר די לאַטעס וואויל באַקומען.

ווילד'ס נאָמען — לויזע ווערטער — טאַנצן שוין לאַנג אַרום אויף דעם עולם התהו פון דעם וואָס שטערבלאַכע רופן די וועלט פון אומשטערבלאַפּקייט, און ווער ער זאָל זיך ניט צירן מיט זיין גייסטיקער ירושה מוז ווערן צו

נאָר די לויזע ווערטער פון ווילדס לעבן —

האפּטן נאָמען קענען זיך מער ניט האלטן צוזאמען. בא משה־יצחק'ן האָבן זיי זיך אויך צוטאַנצט. ווײלד האָט זיך אויפגעלייזט און געוואָרן אָסקאַר ווײדל.

א קורציזכטיגער און א צופרידענער איז ער אוועק און גענומען מאָדעלירן זיין לעבן נאָך אָסקאַר ווײדל. אָט אזוי מיט דעם שלעפּ פון דער פּעלערינע קערן מענשן, נאָכשלעפּן נאָך דעם זוים פון אַלטע חכמות הונדערטער פאַרערער, ווייבער, צווייפלהאפּטע מיידלאַך, און זיין דער אָפּגאָט פון דער אידישער וועלט. (ווילנאַר! וועסטן ווערן).

צוגעגעבן! ער איז עס געוואָרן!

און עס איז אוועק. ער האָט געקראָגן כבוד פולע עמערס, ווי קיינער אפשר פאר אים, ווי קיינער נאָך אים.

אומעט און לאַנגווייל געבערן א סיאמער צווילינג, א פּאַרזעניש אַזעלכס פון לאַקריץ־סענטימענטאַליטעט און גראָבע רייד. ניט חלילה קיין פּאַרנאָגראַפיע. נאָר מליצה וועגן פּאַרנאָגראַפיע, „ווילדע רויזן". און די פרייע פערז דיכטער האָבן געוויזן דעם וועג. איצט קאָן מען נעמען אַ סענטימענטאַלעכץ וועגן „עס בענקט אהיים" און עס אויסשטעלן ניט אין פרייען פערז (דאָס דאַרף מען קענען!) נאָר אין זינגעווריקער עברי און שרייבן לידער אַזעלכע, און כאַפּן פּראָבלעמען אַנזאַלצנדיק זיי אויפ'ן עק מיט עטלאַכע ווערטער. קאָמוניזם — זייער לייכט! ברויט מיט פּוטער. ציוניזם דהאַטס איזי! קעלבלאַך און לעמער אויפ'ן מזבח. עצעטרא! עצעטראָ!

סענטימענטאַלישקייט וואָס דערגייט ביז פּיעסטשען זיך מיט די אייגענע בלאַסע פּיס, און געפּודערטע נעגל, טיש־מאַניערן, בעט־מאַנירן. משה וויל לייענען פון זיין אויסדערוויילטן זון אַזעלכע זאכן, איז — משה, נאַדיר.

מחשבותן, ערשט לעצטנס זיך געכאַפּט, אז מען דאַרף אָט די איבערגעשטאַנענע געדאַנקען פאַרצוקערן און פאַרזויערן טאָג־טעגליך אין קאָלום ארבעט. זאָל דאָס ליבע פֿאָלק אָפּ־

נעמען אַ גרוס יעדן טאָג פון זיך
געדאַנקען פאַ־

נאַנט און דעם רייכןקאָפּ פון די בלאַסע פּיס, וואָס ווערן געפּודערט און נעגל וואָס ווערן מאַניקירט.

זאָלן די קאָמוניסטן לייענען א זמר'ל וועגן לעניין, א זידלעריי וועגן אייב קאהאנען און א שפּיי אויף גאַ־דעמיט הו עווער וויל געט איט.

אזוי האָבן מיר דערלאַנגט דעם קאַפּיטאַליסט מיט עטלאַכע ווערטער־קאַזשעלקעס אין דער פּאַטילניצע. גאַנץ וואָל סטריט האָט א ציטער געטאָן ווען מיר האָבן געזאָגט „ביגביז". (א געשייטער קבו, יונאו, פון ביג ביזנעס).

און נאָך צוואנציק יאָר פון שאַפן איז פארבליבן אַ גרויסע וועלט פּילאָזאָפיע — פּניעכעם! אַלץ איז פּניעכעם. ערשט מיט א האלב יאָר צוריק האָט ער טאקע פּעסטגעשטעלט, אז ער איז דער פּאָטער פון פּניעכעם.

אומעט. לאַנגווייל, פּוסטקייט, פּניעכעם! אַלץ איז פּניעכעם, האָט געזאָגט משה נאַדיר.

און מיט דעם דאָזיקן באַגאַוש האָט מען זיך אוועקגעלאָזט איבער דער וועלט.

קיינער איז ניטאָ א חוץ משה נאַדיר (פּאַרדאָן, און יאָסל קאָטלער און פּראַדל שטאָק), אַלע זענען קליין שרייבער, גראַפּאָמאַנען. אין אַדווערטייזמענטלאַך איז מען געשיקט, אויף דער פּען צו שרייבן. אז ס'קומט א גאסט אין שטעטל גייט מען אים אנטקעגן מיט ברויט און זאַלץ.

און אַהער שרייבט מען רייזעגראַפיעס, גיכטיקע באַטראַכטעניש פון א נייער וועלט. ליכטענשטיין הענגט אויף דער ליולקע, אין פּוילן קען מען זאָגן דאָס אין יעניז. ראַוויטש טראָגט א בערדל און מנחם האָט זיך באַזאָרגט מיט א ברודער אין יעדער שטאָט (און אַלץ דערפאַר וואָס טאָמער האָט יענער אויך געקראָגן אביסל כבוד בא א גלעזל טיי.)

סטוק, סטוק! טויערן פון סאָוויעט רוסלאַנד עפענט זיך! משה נאַדיר, געוועזענער יצחק רייז פירט א באַגאַוש פון „פּניעכעם". צו א נייער אויפגערעכטער מדינה, עטלאַכע קורפּערטס מיט פּניעכעם!

תם ונשלם, די געשיכטע פון יצחק רייז המכונה משה נאַדיר.